בעזרת השם יתברך

# א פסוק חומש

## חיזוק פאר די וואך

תשפ"ב | גליון קל"א

## פרשת וישב/חנוכה

מָסַרְתָּ גִבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים
(על הניסים)

# פארוואס ווערן מענטשן אויסגעברענט ווען עס קומט צו חינוך?

**דער מעשה פון חנוכה לערנט אונז....**

צומאל קען זיך מאכן אז עלטערן אדער אפי' מחנכים פילן אינגאנצן צובראכן און אויפגעגעסן טראכטנדיג צו זיך, "איך האב געמיינט אז איך טויג אבער דערווייל זעה איך אז איך בין נישט מער ווי א פשוט'ע לאוזע"ר, עס גייט מיר נישט..." אויב דער מחשבה אליין איז נישט גענוג, קען דאס צומאל ארויפגיין נאך א שטאפל אז דער מענטש זאגט שוין קלאר, "איי עם סאר"י, אבער וואס זאל איך אייך זאגן, חינוך איז נישט פאר מיר!"

וואס איז דער סיבה? פארוואס ווערן מענטשן אזוי אויסגעברענט דייקא ווען עס קומט צו אזא הייליגע תפקיד ווי חינוך?

אין די טעג פון פרשת וישב און דעם הייליגן יום טוב חנוכה, לאמיר זיך אביסל מעמיק זיין און מתבונן זיין: וואס איז אמת'ע חינוך און וועלכע מחשבות קען גרינגער און לייכטער מאכן אונזער גאנצע צוגאנג צו חינוך?

**לאמיר לערנען א פסוק חומש צוזאמען מיטן הנרות הללו און באקומען חיזוק פאר די וואך!**

הערות:
torah10952@gmail.com

# וַיִּשְׁמַע רְאוּבֵן וַיַּצִּלֵהוּ מִיָּדָם וַיֹּאמֶר לֹא נַכֶּנּוּ נָפֶשׁ.

**(וישב לז, כא)**

זאגט די מדרש: **אלו היה יודע ראובן שהכתוב יכתוב "וישמע ראובן ויצילהו מידם", בכתפו היה מוליכו אל אביו.** וואלט ראובן געוואוסט אז די תורה גייט שרייבן אויף אים די ווערטער **"וישמע ראובן ויצילהו מידם"**, וואלט ער געטוהן אסאך מער ווי געבן דער עצה פונעם בור, ער וואלט זיך אנגעשטרענגט ביזן סוף און אים שנעל אהיים געפירט צום טאטען אויף זיין אקסל![א]

דארף מען לכאורה פארשטיין: ווי אזוי איז מעגליך צו זאגן אזא זאך אויף אזא הייליגע צדיק ווי ראובן, וואס אלע זיינע מעשים זענען געווען לשם שמים, אז **אלו היה יודע שהכתוב יכתוב... היה...** ער האט דאך אודאי געטוהן דאס מערסטע וואס ער האט געקענט! וואלט ער געקענט טוהן מער, וואלט ער אודאי געטוהן...

דער וועלט זאגט נאך א הייליג ווארט פון דעם ראש ישיבה, הגאון ר' שמואל רוזובסקי (ר"י פוניבז'[ב]):

עס איז אמת אז אין דער מצב וואס ראובן איז דעמאלטס געווען, איז טאקע גארנישט געווען מער וואס ער וואלט געקענט טוהן, אבער **אלו היה יודע ראובן שהכתוב יכתוב...** וואלט ער געהאט די הכרה, וואלט זיך באשאפן ביי אים נייע וועגן און ער וואלט יא געקענט טוהן מער!

ווייל די מעגליכקייטן פון א מענטש ווערט באנייט לויט זיין הכרה! לויט וויפיל א מענטש איז מכיר דער טובה און דער וויכטיגקייט פון דער זאך, אזויפיל מעגליכקייטן וועט ער האבן.

אדרבה, איבערצייגט אייך אליין: ווען אן ענין איז ברענענדיג ביי אייער בוזנעס אדער משפחה, וויפיל עצות טרעפט מען אנצוקומען צום ציל? משא"כ, ווען עס איז נישט אזוי וויכטיג, וויפיל שוועריקייטן און מניעת קומען אונטער?

**אין שום מניעה אלא מניעת השכל**, שרייבט דער לקוטי מהר"ן מברסלב. "נישט די שוועריקייט איז דאס וואס האלט צוריק דער מענטש פון גיין ווייטער, נאר דער הכרה טוט אים אפשטעלן. אויב מען הייבט אן פון פריש און מען איז מחדש דער הכרה, וועט מען זעהן ווי נייע געלעגנהייטן שפראצן פלוצלינג ארויס.

מיט דעם ענין, קען מען אויך פארשטיין די קומענדיגע פסוקים. **וַיָּשָׁב רְאוּבֵן אֶל הַבּוֹר וְהִנֵּה אֵין יוֹסֵף בַּבּוֹר וַיִּקְרַע אֶת בְּגָדָיו... וַיֹּאמַר הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא.** (לז, ל) ראובן איז צוריק געקומען און נישט געזעהן יוסף אינעם גריב. ער האט אנגעהויבן שרייען צו זיינע ברודער, "אוי געוואלד! וואו גיי איך זיך אהין טוהן פארן צער פונעם טאטען?!" (ע' פי' רש"י)

לכאורה דארף מען פארשטיין: וואו קומט דא אריין די צער פונעם טאטען מער ווי פריער? צו איז דען זיין גאנצע כוונה געווען צו ראטעווען יוסף בלויז פארן צער פונעם טאטען? און אויב טוט אים דאס יא אזוי שטארק וויי, פארוואס האט ער דאס נישט געזאגט פריער פאר זיינע ברודער?

נאר לפי"ד, קען מען דאס גוט פארשטיין: פריער טאקע איז זיין כוונה געווען צו ראטעווען יוסף, ווי דער פסוק זאגט, **"וישמע ראובן ויצילהו מידם"**, ראובן האט נישט געקענט צוזעהן ווי מען טוט ווי פאר זיינס א ברודער, זיין טאטע'ס א קינד. דערפאר, לפי שגתו, האט ער טאקע געטראפן די בעסטע עצה ווי אזוי אים צו ראטעווען: דורך אריינלייגן אין גרוב! ווי דער תורה זאגט עדות: **לְמַעַן הַצִּיל אֹתוֹ מִיָּדָם לַהֲשִׁיבוֹ אֶל אָבִיו.**

אבער יעצט, ווען ער איז צוריק געקומען און געזעהן אז יוסף איז נישט דארט געווען, איז די מעשה געווארן אינגאנצן אנדערש. פאר זיך קען ער זיך נאך בארואיגן און טראכטן, "וואס מער האב איך דען געקענט טוהן?! איך האב פרובירט די בעסטע!" אבער **ואני אנה אני בא, מצערו של אבא**, "וואס גיי איך ענטפערן פארן טאטען?!"

ראובן האט געטראכט, "פאר זיין טאטען איז יוסף נאך אסאך וויכטיגער, ער גייט זיכער נישט איינרוען ביז ער טרעפט אים לעבעדיג אדער טויט. נו, וועמען וועט דער טאטע שיקן אויב נישט זיין בכור? ער וועט מיר זיכער מאכן ארום לויפן פון איין עק וועלט ביזן אנדערן, ווייל לפי דעם הכרה פונעם טאטען פאר יוסף איז קיין מניעות נישט פארהאן! אבער איך האב דאך נישט דעם הכרה, **ואני אנה אני בא**, וואו גיי איך אנהייבן און וואו גיי איך ענדיגן? ווי אזוי גיי איך זיך אן עצה געבן?" (ע' אוהח"ק)

---

[א] דער זעלבע אופן זאגט דארט די מדרש אויף אהרן און בועז, אלו היה יודע אהרן שהכתוב יכתוב עליו "וראך ושמח בלבו"- בתופים ומחולות היה יוצא לקראתו. אלו היה יודע בועז שהכתוב יכתוב עליו "ויצבט לה קלי"- עגלים פטומות היה מאכילה...

[ב] זכרון שמואל עמוד תר"א

און אט דאס ברענגט אונז אריין אין דעם נושא וואס הייסט חינוך... אונזערע אלע שוועריקייטן און פארלוירנקייט אין דער ענין פון חינוך קומט נאר ווייל אונזער הכרה איז נישט גענוג רייף. דהיינו, איר אמת'ע חשובות שטייט נישט פאר אונזערע אויגן... אבער וואלטן מיר געהאט די ריכטיגע הכרה, וואלט קיין שוועריקייט נישט געווען!

## א שמועס אין די הייל צווישן זכריה און דניאל בזמן בית שני

**ג' אלפים שנת תקצ"ז:** א קבוצה אידן זיצן באהאלטן אין א מערה און לערנען תורה. פלוצלינג, רופט זיך אן איינער פארן צווייטן, "זכריה טייערע, וואס גייט דא זיין? דער מצב איז שרעקליך! יעדן טאג פארן אפ נאך און נאך אידן! עס ציילט זיך שוין אין די טויזנטערס! דו האלטסט אז עס איז נאך דא עפעס וואס מען קען טוהן?"

"דניאל טייערע..." זאגט זכריה.

"דו מיינסט צו זאגן דני", האקט זיין חבר איבער.

"אין מינוט! דו האסט זיך אויך מאדערנעזירט?!"

"זכריה, דו דארפסט פארשטיין אז איך שעם זיך פון מיינע חברים! דו זאלסט זיין צופרידן אז איך לערן בכלל! ווער לערנט נאך היינטיגע צייטן?! דו ווייסט וויפיל פון מיינע חברים זענען שוין טאטעל"י או"ף! נישט קיין שבת, נישט קיין יום טוב, גארנישט..."

"דניאל טייערע, איך שפיר אויף דיין רעדן אז דו קוקסט אן די גאנצע זאך ווי א טאטע"ל דיזעסטע"ר און מיר זענען סך הכל נאר א מציל מזוטו של ים, דהיינו צופיל קען מען שוין נישט ראטעווען און וויפיל מען קען יא איז הכל רווח!"

"יא! פונקט אזוי זכריה! דו זעהסט דאך ווי מיט יעדע יאר וואס גייט פארביי, פארט די מצב וויטער בארג אראפ... פארפאלן! מען דארף איינזעהן די היינטיגע מציאות! די יונים געוועלטיגן און ליידער האבן זיי זייער א שטארקע השפעה אויף אונז! דו זעהסט דען נישט אליין אז קיינעם אינטערעסירט נישט די ווי געשריי פון דעם צדיק מתתיהו בן יוחנן כהן גדול?! יא, ער פרובירט שרייען "מי לה' אלי" אבער איך געב אים זייער שוואכע טשענסע"ס. אסאך אידישע שטעט זענען שוין לאנג אונטער די קאנטרא"ל פון די יונים און דער עולם פייפט זיך ליידער אריין אין די גאנצע אידישע זאך! עס טוט זייער וויי אבער דאס איז דער מציאות!"

"דניאל טייערע, איך זעה אז אויך אין דיר האט זיך שטילערהייט אריינגעכאפט דעם יונ'ישע וועג פון טראכטן..."

"זכריה, ווייל איך האלט נישט ווי דיר, בין איך שוין א יוני?!"

"ניין דניאל! אבער ממש דאס איז דער גאנצע שיטת היונים... אלעס גייט מיט דער מהלך פון "**כוחי ועוצם ידי**", איך מאך! איך טוה! און ווען דאס איז דער מהלך, ביסטו גערעכט אז אין אזא מצב קען **איך** גארנישט טוהן!"

"אבער ביי אונז ערליכע אידן איז דער מהלך אינגאנצן אנדערש! איך טוה **נישט**, איך מאך **נישט**... דער אייבערשטער איז דער וואס טוט און מאכט אלעס, מיר זענען ס"ה נאר זיינע שליחים וואס געבן איבער זיין שליחות פארן ציבור."

"זכריה טייערע", פרעגט דניאל וויטער, "איך פארשטיי זייער גוט אויב דו זאגסט דאס אין פרידן'ס צייטן, אבער אין אזא געפערליכע מצב, ווי אזוי איז בכלל מעגליך דאס צו טוהן?!"

"גלייבט מיר אז דער אייבערשטער איז וווייט פון באנקעטירט! ער קען איבערדרייען דער ביטערע מצב אין איין מינוט און אין איין קליינע רגע אריינשיקן א הרהור תשובה אין גאנץ כלל ישראל און אין די זעלבע רגע אויס'הרג'נען אלע יונים!"

"נו אויב אזוי, פארוואס טאקע טוט ער דאס נישט??"

"דניאל טייערע, דאס איז נאר ווייל ער וויל אונז געבן די געוואלדיגע זכיה צו זיין זיינע שליחים. דער בורכ"ע האט אונז געגעבן די גרויסע מתנה אז מיר זאלן קענען עפעס טוהן פאר זיינעט וועגן און זיך אננעמען פאר זיין כבוד! און ווען מיר נעמען זיך אן פאר זיין כבוד, באווייזט דער אייבערשטער גרויסע ישיעות!"

"מיין חבר דניאל, טאקע דאס וויל דער גרויסע צדיק מתתיהו בן יוחנן כהן גדול מיט זיינע קינדער אונז אויסלערנען מיטן אויסשרייען **מי לה' אלי**, "טייערע אידן, מאכטס נישט קיין חשבונות! יא מעגליך... נישט מעגליך... פארן אייבערשטער איז אלעס מעגליך! הייבט נאר אן טוהן למען כבוד שמו יתברך, וועט איר פלוצלינג זעהן ווי ניסים הייבן אן געשעהן!"

**שטעלט אייך אפ און טראכט אריין:**

היינטיגע צייטן הערט מען כסדר די זעלבע זאך, "וואס קען מען טוהן?!" עס איז 2021! פארפאלן... דער דור פאלט נעבעך טיפער אראפ! דארפסט פארשטיין..."

וואס וואלטן מיר געזאגט דעמאלטס אין יענע צייטן? די צייטן דעמאלטס האבן אויסגעקוקט אסאך ערגער ווי אונזערע צייטן, מחללי שם שמים בפרהסיא... עס האט אויסגעקוקט כביכול ווי דער אייבערשטער האט באנקערטירט!

וויפיל טשענסע"ס וואלטן מיר געגעבן פאר מתתיהו ובניו אז זיי זאלן מצליח זיין עפעס אויפצוטוהן? צוריק בויען דאס בית המקדש? דאס איז אפגערעדט! הלואי זאלן זיי כאטש ראטעווען א פאר אידן, וואלטן מיר געווען העכסט צופרידן!

**אויב "מי לה' אלי" וואלט געווען שווער פאר אונז, איז דאס אבער נישט געווען שווער פאר די הייליגע חשמונאים! ווייל זייער הכרה אין אידישקייט איז געווען הייליג און לויטער. די חשיבות און נחיצות הענין איז געווען אזוי וויכטיג און טייער פאר זיי, אז עס איז נישט געווען קיין שום מניעה פאר זיי...**

און זיי האבן טאקע אנגעהויבן שרייען "מי לה' אלי" אן קיין שום חשבונות אדער מניעות ווייל זיי זענען געגאנגען מיטן אייבערשטען!

און דערפאר טאקע, זענען זיי נישט געבליבן אליין... עס איז געווען א וואונדערליכע בילד צו זעהן ווי פון אלע לעכער זענען פלוצלינג

ארויסגעשפרינגען נאך און נאך ערליכע אידן וואס האבן אויך געוואלט זיין פון די וואס נעמען זיך אן פאר כבוד שמים[ג]. דער גאנצע אוממעגליכע מצב האט זיך פלוצלינג איבערגעדרייט און די ערליכע אידן האבן איבערגענומען קאנטראל, **"ורשעים ביד צדיקים"**...

## מְסַרְתָּ גִבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים

### דער קדושת לוי לערנט אונז...

פרעגט דער הייליגע קדושת לוי, "ווי פאסט צו נוצן דער לשון פון "חלשים" ווען מען רעדט פון די חשמונאי ובניו? מיר ווייסן דאך אז זיי זענען געווען גבורים גדולים?" (כנזכר בספר יוסיפון פרקים כ, כו)

זאגט דער קדושת לוי: דער כוונה דא איז אודאי נישט אויף זייער גוף, נאר אויף זייער דעת. די הייליגע חשמונאים זענען געווען אזעלכע צדיקים אז זיי האבן בכלל נישט תולה געווען זייער הצלחה אין זייער גבורה, נאר כל כולו אינעם יד ה'."

"חלשים" מיינט מען דא **בדעתם**. ביי זיי אין קאפ זענען זיי געווען ווי חלשים און געלעבט מיט דער דעת אז נאר דער אייבערשטער קען זיי העלפן און עס האט גארנישט מיט זייער כח, זיי זענען נאר שלוחי דרחמנא.

ווען מען גייט מיט **כוחי ועוצם ידי**, קען מען זיין א לאוזע"ר. אבער ווען מען גייט מיטן אייבערשטער, איז מען אייביג א סאקסע"ס!

און אט דאס ברענגט אונז צו דער צווייטע חלק פון חינוך...

### דער תורה'דיגער צוגאנג צו חינוך:

## איך בין נאר א שליח פונעם בוכ"ע...

משל למה הדבר דומה: א גרויסע רבי האט אמאל געלאזט רופן זיינס א חסיד און אים געפרעגט, "איך קען דיר אפשר בעטן עפעס א שליחות?"

"אודאי רבי", ענטפערט דער חסיד, "עס איז מיר א כבוד און א זכיה!"

"גוט, טוט מיר א טובה און געבט איבער דעם בריוול פאר רבי זאנוויל וואס וואוינט ביים עק שטאט. זאגט אים אז איך האב עס געשיקט."

"אבער רבי", פרוביערט דער חסיד פרעגן, "זאנוויל איז שוין היינט נישט פון די חסידים. פארקערט גאר..."

"איך ווייס מיין קינד", זאגט אים דער רבי ווייטער, "טאקע דערפאר בעט איך דיר, געבט דאס איבער מיט חכמה. מאך זיכער אז זאנוויל איז אין שטוב, רוף אים צו צום טיר און געבט דאס איבער אין זיין האנט מיט א שמייכל, לייג אויך צו די ווערטער "דער רבי האט זיך פארבענקט נאך דיר, דערפאר שיקט ער דיר דאס בריוועלע..."

"יא, אבער רבי', איך גלייב שווער אז זאנוויל איז אינטערעסירט אינעם רבי'ן."

"מיין קינד, דאס דארף נישט זיין דיין דאגה. דו דארפסט נישט זיכער מאכן אז ער קומט צוריק צו מיר. דער עיקר דארפסטו זיכער מאכן צו איבערגעבן דאס בריוו ריכטיג, דעמאלטס האסטו געטוהן דיין שליחות! געדענק אבער אז עס קען זיין אז דאס ערשטע מאל וועט ער דאס נישט וועלן איבערנעמען פון דיר אבער זארגט נישט, פרובירט נאכאמאל און נאכאמאל ביז ער וועט דאס איבערנעמען."

לאמיר אריינקלערן: איינמאל דער חסיד האט געטוהן זיין שליחות, דארף אים בכלל אינטערעסירן אויב זאנוויל האט אים ליב אדער נישט? דארף אים בכלל אנגיין אויב זאנוויל איז אים מכיר טובה אדער נישט?

ניין! עס גייט אים בכלל נישט אן ווייל ער ארבעט נישט פאר זאנוויל! ער האט געהאט די זכיה צו זיין דער רבי'ס שליח און געטוהן זיין תפקיד פון איבערגעבן דעם בריוו... עס גייט אים אפי' נישט אן אויב זאנוויל ווערט צוריק א חסיד אדער נישט... ווייל ער גלייבט אין זיין רבי'ן אז איינמאל זאנוויל נעמט איבער דעם בריוו, וועט ער שוין פון זיך אליין צוריק קומען צום רבין. און אויב נישט היינט, וועט עס זיין נעקסטע וואך... עס איז נישט זיין פליכט אויסצופירן... עס איז נאר זיין פליכט צו טוהן און איבערגעבן דעם בריוו.

דערפאר, אפי' אויב זאנוויל קומט נישט

---

[ג] ווי א בעל דרשן האט אמאל געזאגט אויף די היינטיגע טעג, "דער עולם וויל הערן, מיר האבן פשוט מורא צו זאגן!"

## צידה לדרך

געקליבענע מאמרים באותו ענין

**חינוך איז נישט קיין שאך-שפיל.**

"אויב איך טוה אזוי, וועט יענער טוהן אזוי. און אויב איך וועל ווייטער טוהן אזוי, וועט ביים ענדע זיין א שאך מעט."

ווייל נישט מיינע פעולות איז דאס וואס **"מאכט"** דער תוצאה, נאר מיינע פעולות זענען דאס וואס איז **"מעורר"** דער תוצאה וואס דער רבוש"ע מאכט.

פעולות איז סך הכל ווי א סגולה אז ווען מען טוט אזוי און אזוי, איז עס **מסוגל** צו ברענגען א תוצאה. ווי למשל, ווען מען געבט אכטונג נישט צו טרעטן אויף ברעקלעך אדער מען נעמט צוזאם ברעקלעך פון געשניטענע חלה איז עס מסוגל פאר פרנסה. צו וועט איינעם איינפאלן אז אט די ברעקלעך ברענגט פרנסה? אודאי נישט! וואס האט ברעקלעך צו טוהן מיט מיין פרנסה?! נאר וואס? מחשיב זיין ברעקלעך און נישט מבזה זיין ברויט איז מסוגל פאר פרנסה...

צוריק צו זיין רבי'ן, איז ער נישט קיין לאוזע"ר ווייל ער האט געטוהן זיין שליחות באמנות!

און אט דאס איז דער יסוד פון חינוך: מיר דארפן זיין ווי געטרייע שליחים און איבערגעבן דעם רצון ה' פאר אונזערע קינדער און תלמידים.

אודאי דארף מען דאס איבערגעבן ריכטיג! עס איז אבער נישט אונזער פליכט צו זיכער מאכן און מיר קענען נישט זיכער מאכן אז די תוצאות זאלן זיין פונקט ווי מיר ווילן! מיר דארפן זיין ווי ערליכע שלוחים און דער בריוועלע וועט מאכן איר'ס!

ווייל נישט אונזערע פעולות איז באמת דאס וואס ברענגט די תוצאות, עס איז אונזער ערנסקייט אין די שליחות... און ווען דער אייבערשטער זעהט אונזער ערנסקייט, דאן מאכט ער אז דער תוצאה זאל אנקומען פון זיך אליין. אונזער פליכט איז נאר צו זיכער מאכן אז מיר טוהן די שליחות ריכטיג. און ווי נאר די שליחות איז געטוהן געווארן ריכטיג, זענען מיר שוין א געווינער!!

ועל כולם, לאמיר געדענקן און חזר'ן, "עס איז א זכיה צו קענען מחנך זיין. איך בין שטאלץ צו זיין דער וואס זאגט "מי לה' אלי" פאר דער באשעפער'ס קינדער..."

## מוסר השכל:

### פארוואס ווערן מענטשן אויסגעברענט ווען עס קומט צו חינוך?

דאס איז נאר ווייל אונזער הכרה אין אונזער עבודת הקודש איז נישט אינגאנצן ריכטיג! מען קען זייער גרינג אריינפאלן אין די נעץ פונעם יצר און זיך טועה זיין אז מיר זענען די בעה"ב, איינער וואס ארבעט פאר זיך, ווי ענדערש לעבן מיט די הכרה אז מיר זענען פשוט'ע שליחים, ארבעטערס פונעם בוכ"ע!

לאמיר זיך אליין בודק זיין: וואס זענען די דריי אפטע טענות פון עלטערן אדער מחנכים?

**1.** דער בחור\קינד איז מיר בכלל נישט **"מכיר טובה"**, ער הייבט נישט אן צו כאפן וואס איך האב אלץ געטוהן פאר אים!

**2.** איך זעה נישט קיין **"קלארע פלאן"** ווי אזוי זאכן גייען זיך דא ריקן. איך האב שוין פרובירט איינמאל און נאכאמאל...

**3.** ער נעמט ארויס אזויפיל כוחות פון מיר. איך זעה נישט קיין שום רעזולטאטן, **איך שפיר זיך ווי א פשוט'ע לאוזע"ר!**

אבער דאס גאנצע בילד טוישט זיך ווען די מענטש באקומט די ריכטיגע הכרה, "איך ארבעט נישט **"פאר מיר"**, איך האב די זכיה צו ארבעטן **"פארן בוכ"ע"**!"

<u>**און די אלע פראבלעמען פאלן אוועק:**</u>

- איך ארבעט פארן בורא, דערפאר דארף איך נישט אז דער בחור\קינד זאל זיין **נאנט מיט מיר**, איך דארף די בחור\קינד זאל זיין **נאנט מיטן בוכ"ע**.
- איך ארבעט פארן בורא, דערפאר דארף איך נישט קיין **הכרת הטוב** פונעם בחור/קינד, איך דארף דעם **הכרת הטוב פונעם בוכ"ע**.
- איך ארבעט פארן בורא, דערפאר דארף איך נישט אז מיין בחור\קינד זאל **מיר דינען**, ער דארף **דינען דעם בוכ"ע**.
- איך ארבעט פארן בורא, דערפאר דארף איך נישט האבן א קלארע פלאן, **מיינע מעגליכקייטן זענען גאר גרויס!**
- איך ארבעט פארן בורא, איך בין נישט דער וואס מאכט אדער טוט. און אז איך האב געטוהן, **קען איך קיין לאוזע"ר נישט זיין** ווייל מיין תפקיד איז געטוהן געווארן בשלימות! (א לאוזע"ר איז נאר איינער וואס טוט נישט!)
- ואחרון אחרון חביב, איך ארבעט פארן בורא, האב איך נאך א אפציע וואס קען מיר העלפן אויסצופירן מיין שליחות ריכטיג, "איך קען נוצן דער עצה פון תפילה"!

## מאמר החכם:

**ר' ישראל סאלאנט'ער מגדולי המוסר האט געזאגט: רעדן אויף א איד טאר מען נישט אבער רעדן צו א איד איז א מצוה ווי מער... און אט דאס איז דער יום טוב חנוכה! וויסן אז אפי' ווען עס איז טינקל למטה מעשרה טפחים, עומד בחוץ- קען ווערן ליכטיג דורך איין איד וואס צינדט אן דער מנורה ריכטיג!**